# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת דברים תשפ"ד שנה י | גליון מס' 545



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## השתדלות מיט תפילה און אמונה

**"וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם וַתֹּאמְרוּ נִשְׁלְחָה אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ לָנוּ אֶת הָאָרֶץ וְיָשִׁבוּ אֹתָנוּ דָּבָר אֶת הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר נַעֲלֶה בָּהּ וְאֵת הֶעָרִים אֲשֶׁר נָבֹא אֲלֵיהֶן: וַיִּיטַב בְּעֵינַי הַדָּבָר..." (א כב-כג)**

אין פסוק שטייט אז ווען מען האט מציע געווען פאר משה רבינו ער זאל שיקן מרגלים האט עס געפאלן פאר משה רבינו און ווי דער לשון הפסוק איז 'וַיִּיטַב בְּעֵינַי הַדָּבָר'.

לכאורה איז שווער פארוואס איז עס געפאלן פאר משה רבינו? מיר ווייסן וואס עס איז ארויסגעקומען פון דעם?

נאר געט צו פארשטיין דער רב פון מינכען **רבי חנוך הכהן ארנטרוי:**

הקב"ה וויל אז ווען א איד דארף אויספירן א פעולה זאל ער טון די פעולה און אויך מתפלל זיין אויף דעם. א שיינער רמז אויף דעם זאגן חז"ל (יבמות קה ב): "המתפלל צריך שיתן עיניו למטה ולבו למעלה". אז ביי יעדע פעולה וואס א מענטש טוט דארף ער סיי זען אז עס זאל זיין "לבו למעלה" און מתפלל זיין אז ער זאל מצליח זיין אין זיינע וועגן אבער אין די זעלבע צייט דארף ער אויך מקיים זיין דער "יתן עיניו למטה" ער זאל טון אלעס וואס עס פעלט זיך אויס בדרך הטבע פאר זיין הצלחה.

אויך דא איז די זעלבע זאך, כלל ישראל האט געבעטן משה רבינו ער זאל שיקן מרגלים. אזוי לאנג ווי די בקשה איז בדרך השתדלות איז עס א גוטער זאך. די פראבלעמען האבן זיך אנגעהויבן ווען די מרגלים האבן מקלקל געווען די כוונה נישט גלייבנדיג הקב"ה אז דאס לאנד איז א גוטער לאנד, נאר געוואלט זען צי עס איז א גוטער לאנד אדער נישט.

'קמץ המנחה'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## דער 'אמן' ברענגט אז מען זאל מכיר זיין בניסו

דער יסוד פון א איד איז זיין אמונה! א איד גלייבט און אנערקענט אז הקב"ה איז משגיח אויף די גאנצע בריאה און אז די קלענסטע זאך וואס געשעט אויף די וועלט סיי אויב זי זעט אויס גוט, סיי אויב זי זעט אויס נישט גוט, קומט פון אויבן, אז אלעס ווערט געפירט בהשגחת הבורא און ווי עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל [חולין ז. ב] "אין אדם נוקף [פוצע] אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזים עליו מלמעלה".

מיר גלייבן אז די השגחה איז קיים אבער מיר זען עס נישט. דער בורא כל העולמים האט אוועקגעשטעלט די וועלט אין אזא וועג אז זיין הנהגה איז באהאלטן אין איר. מיר זען נאר די טבע'דיגע הנהגה, אבער אונטער די טבע'דיגע הנהגה, געשעט מיט אונז יעדן טאג ניסים ונפלאות און ווי מיר זאגן דריי מאל א טאג ביים דאווענען "ועל ניסיך שבכל יום עמנו".

עס איז באקאנט די ווערטער פון דער הייליגער רמב"ן וואו ער רעדט וועגן דעם און דרוקט זיך אויס זייער שארף איבער ווער עס גלייבט נישט אין איר. פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער: (שמות יג טז): "שאין לאדם חלק בתורת משה רבנו עד שנאמין **בכל** דברינו ומקרינו שכולם נסים, אין בהם טבע ומנהגו של עולם".

טאג טעגליך טוט א איד מערערע פעולות וועלכע העלפן אים צו אז די אנערקענונג זאל ארייגיין אין אים און ער זאל נישט פארגעסן דער יסוד אז אונטער די טבע באהאלט זיך א העכערע השגחה. איינס פון די פעולות וואס מיר טון אז מיר זאלן געדענקען דער יסוד איז דער זאגן צופרי נאכ'ן אויפשטיין ברכת השחר. מיט די ברכות לויבן מיר הקב"ה אז ער האט אונז צוריקגעגעבן די נשמה און אז מיר קענען גיין און זיך באוועגן.

אויבנאויף זעט אלעס אויס בדרך הטבע אבער מאכנדיג די ברכות שרייען מיר אויס אז אונטער די טבע איז אלעס איין וואונדערליכע ניסים ונפלאות וואס הקב"ה טוט מיט אונז אויף טריט און שריט.

אויך ביי די ברכות איז גילטיג דער מאמר פון רבי יוסי (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

אויך דער וואס ענטפערט 'אמן' מיט כונה נאך די ברכה טוט מיט זיין פעולה אנערקענען און ארייננעמען אין זיך די דערמאנטע נקודה אז אונטער די אלע פעולות באהאלטן זיך באמת ניסים ונפלאות וואס הקב"ה טוט מיט יעדער פון אונז.

אין די פארגאנגענהייט האבן מיר אראפגעברענגט די געדאנק אז ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין דער סדר האל"ף בי"ת וועט מען באמערקן אז נאך די אותיות א' מ' נ' קומען צוגיין די אותיות ב' נ' ס'.

מיר האבן אראפגעברענגט די געדאנק ארויסצוברענגען אז אין זכות פון אמן איז א איד זוכה צו ניסים. עס קען אויך זיין לויט דער דערמאנטער געדאנק אז דאס קומט אונז אויסלערנען אז דורך דער 'אמן' קומט א איד אן צו די ריינע הכרה אז אלעס וואס געשעט אויף די וועלט איז בדרך נס און אז עס איז נישט דא קיין טבע כלל וכלל אויף דעם עולם.

די געדאנק איז נאך א מעלה וואס מען איז זוכה דורך די אמן'ס, מען הייבט אן צו לעבן מיט די בליק אז דאס לעבן אויף די וועלט איז למעלה מדרך הטבע, אז מען איז ארומגענומען מיט ניסים מעל לדרך הטבע.

די אנערקענונג וועט זיכער ממשיך זיין פאר אונז שפע רב.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו.

**מיט א קריאה פון "ניסים אין מספר"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — א תפלה אן קיין גרעניץ —

**די מעשה איז דערציילט געווארן דורך דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א.**

**עס איז מורא'דיגע מעשה און טראגיש וואס עס הערט זיך אביסל שרעקעדיג איז אבער די געדאנק וואס קומט ארויס פון די מעשה זייער שטארק און קלאר און עס פאדערט פון יעדן איינעם פון אונז, אז מען זאל זיך שטארקן אין תפילה שטערקער, ווי ביז היינט.**

•

די מעשה הייבט זיך אן מיט מער ווי 20 יאר צוריק, אין יענע שרעקעדיגע מוצאי שבת קודש פרשת כי תשא ח"י אדר תשס"ב.

יענע מוצאי שבת איז געווען אין ברען פון די שווערע צייט ווען ארץ ישראל איז ליידער געשלאגן געווארן מיט שווערע באמבע אויפרייסעניש דורך די אראבער ימש"ו וועלכע פלעגן באגיין זעלבסטמארד אין די גאסן פון ירושלים עיה"ק.

איינס פון די ביטערע טראגעדיעס וועלכע האט אויפגעשוידערט די אידישע גאס האט זיך אפגעשפילט יענער מוצאי שבת אין הארץ פון די ווירבעלענדע בית ישראל געגענט.

אויך די טערור אטאקע האט ליידער געקאסט א טייערן פרייז. מערערע אידישע נשמות האבן נעבעך פארלוירן זייער לעבן



די בנין ישיבת אור גאון אין בני ברק

ביי די אטאקע, צווישן זיי איז אבער געווען איין משפחה וועלכ האט געצאלט א טייערן פרייז ביי די אטאקע, די נחמד משפחה.

ר' עזרא נחמד, דער טאטע פון א משפחה וועלכע האבן געוויילט יענעם שבת אין ירושלים עיה"ק האבן געליטן אסאך קרבנות ביי די אטאקע.

אזויפיל ווי 8 פון די אומגעקומענע זענען געווען מיטגלידער פון די משפחה. צוויי פון זיי זענען געווען זיינע קינדער וועלכע האבן געלערנט אין די ישיבת 'גאון יעקב' אין די שטאט בני ברק.

די משפחה האט געפראוועט א געהויבענער שבת אין ירושלים עיה"ק. זיי זענען געווען אויפ'ן וועג ארויס אהיימצופארן צו זייער שטאט ווען דער טעראריסט האט זיך אויפגעריסן נעבן זיי און מיטגענומען מיט זיך די משפחה מיטגלידער.

בשעתו האבן אלע גערעדט פון די פעלזנפעסטע אמונה פון די באבע וועלכע האבן שבת קודש געפראוועט א בר מצוה פון איר אייניקל און זיך געפרייט מיט די שמחה און מוצאי שבת איז זי ארויס צו די מסע הלויה פון זיבן פון אירע אייניקלעך וועלכע זענען נעבעך מער נישט צוריגעקומען מיט איר אהיים.

די שטארקע אמונה'דיגע ווערטער וואס מען האט געהערט פון איר האט שאקירט יעדן.

מיר זענען צו קליין צו פארשטיין די וועגן פון הקב"ה און פארוואס פונקט די משפחה האט מקריב געווען אזא ביטערן קרבן אבער די גרויסע כוחות הנפש און די גבורה וואס זיי האבן ארויסגעוויזן ביי די געשעעניש איז געבליבן ביי יעדן איינעם אין די הערצער.

עס איז געווען די צדיקת וועלכע האט פארענט פון צענדליגע טויזנטע צוזער און צוהערער אויסגעשריגן ביי די לויה אז מען דארף תשובה טון אריינברענגענדיג אין טויזנטער אידן א שטארקע הרהור תשובה.

מיט איר רוף האט זי זיך אנגעשלאסן צו טויזנטע אידישע מאמעס ביים כלל ישראל וועלכע זענען אין אלע דורות געווען א סימבאל פון אמונה, פון שטארקייט, פון א פעסטער גלויבן אז יעדע זאך וואס געשעט אויף די וועלט האט א קלארע חשבון, אז קיין שום געשעט נישט פערצופאל, אז מיר האבן א גוטער טאטע אין הימל וואס ווייסט ווען עס איז אן "עת רקוד" און אויך ווען עס איז רחמנא לצלן אן "עת ספוד".

•

ביי די שבעה טעג זענען די חברים פון די 'נחמד' משפחה געקומען צוגיין מנחם צו זיין די אבלים. אלע פון זיי, האבן באוויינט די אבידה, דערציילנדיג איבער די גוטע מידות, די ערליכקייט, די פלייסיגקייט פון די בחורים, וועלכע זענען נעבעך אומגעקומען ביי די ביטערע אטאקע.

אויך די באקאנטע ווי די שכנים אין בנין אין די אומגעגענט פון ראשון לציון אויף די סוקלאוו גאס האבן מעיד געווען די זעלבע.

יעדער האט געהאט אויף זיי א גוט ווארט אויף זיי, רעדנדיג איבער די ריינקייט, די ציכטיגקייט פון די קדושים וועלכע האבן טראגיש פארלוירן זייער לעבן.

"אויף זיי קען מען זאגן אז זיי האבן מקדש שם שמים געווען ביים לעבן ווי נאכ'ן לעבן". האבן קובע געווען יעדער וואס האט זיי געקענט.

"איך האב זיך משתדל געווען מחנך צו זיין מיינע קינדער אויף די בעסטע וועג וואס איז נאר שייך". האט ר' עזרא מעיד געווען ביי די שבעה.

"עס איז געווען אין איינער פון די נעכט וועלכע האבן געפעדערט צו דער חודש אלול". האט דער טאטע פארגעזעצט צו דערציילן. "איך בין געזעסן און זיך מתבונן געווען מיט סיפוק אויף מיינע צוויי קינדער, ווי אזוי זיי זענען עוסק בתורה. אין יענע מינוטן איז מיר ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק אלע זיסע שמועסן און גריסן וואס איך האב באקומען פון זייערע רבי'ס. עס איז געווען אין יענע מינוטן ווען עס איז ארויפגעקומען ביי מיר די מחשבה אז אפשר טרייב איך איבער מיט מיינע פעולות פאר זייער חינוך, אז אפשר קען איך אביסל נאכלאזן און זיך אויפהערן נאכפרעגן און לייסטן פאר זיי".

איך האב גלייך פארטריבן די מחשבה, איך האב ווייטער ממשיך געווען מיט מיינע פעולות, אבער אין איין געביט האט עס ביי מיר געהאט א שטארקע השפעה און דאס איז געווען אין די נושא פון תפילה. טאג טעגליך פלעג איך איינרייסן פאר זיי און זיך איינבעטן ביי הקב"ה אז זיי זאלן וואקסן גרעסער און בעסער, אבער זעענדיג אז זיי שפאנען שוין אויפ'ן ריכטיגן וועג, האב איך געטראכט צו מיר אז אפשר קען איך נאכלאזן פון דעם. סיי ווי סיי שפאנען זיי שוין אין דעם גוטן וועג.

אין יענע שעה האב איך נישט געוואוסט ווי פאלטש איך בין, אבער היינט ווען איך קוק צוריק זעה איך ווי איך האב געגרייזט, א איד דארף שטענדיג מתפלל זיין פאר זיינע דורות, איינרייסן פאר זיי, מען מעג זיך נישט אפשטעלן פון דאווענען, אפילו אויף איין רגע".

מיט די הארצרייסענדע ווערטער האט דער פארווייטאג'טער טאטע געענדיגט זיינע ווערטער וועלכע זענען אריין אין די הערצער פון אלע אויסהערער.

'אור דניאל' ואתחנן

הרב משה כדורי שליט"א
פון די קבר רחל שול

אונזער היינטיגער שמועס ווערט אפגעהאלטן מיט א חשובער איד, א איד וואס אויסער וואס ער אליין איז א תלמיד חכם מופלג, געט ער זיך אוועק פון צופרי ביז ביינאכט פאר ד נושא פון אמן און ארגאנאזירט 'אמן' מנינים אין די 'קבר רחל' שול און טוט אויך פארשפרייטן במסירות נפש די גליון פון 'וכל מאמינים' אין זיין געגענט, אז אידן זאלן הערן און ליינען איבער די גרויסקייט פון נאכזאגן אמן.

•

**מיט דיין ערלויבעניש ר' משה - טיילט אונז וואס האט דיר צוגעברענגט אריינצוגיין אין די נושא פון ענטפערן אמן'ס און אוועקשענקען צייט פאר דעם מידי יום ביומו?**

פאר לאנגע יארן ליין איך שוין וואך נאך וואך די הערליכע גליון 'וכל מאמינים'. זייענדיג אין איר די גרויסקייט פון די זאך, די חשיבות וואס זי האט, די כח וואס זי פארמאגט, האב איך באשלאסן אז איך וויל אויך זיין א טייל פון די גרויסע מצוה, איך האב אנגעהויבן מיט איר און פון דאן און בין איך געבינדן צו די מצוה.

•

**ווי מיר ווייסן זענט איר א פארנומענער מענטש, איר זענט א בעל משפחה, איר האט אן אנגעפולטער סדר היום ווי אזוי טרעפט איר צייט אין אזא פולער טאג זיך אפצוגעבן מיט'ן ארומגיין און אויסהערן די אמנ'ס?**

איר פרעגט גוט! איך וועל נאר שווערער מאכן די קשיא. נעמענדיג אין באטראכט אז נישט אלע צייטן אין איר זענען אייניג, אמאל איז די וועטער בעסער, אמאל איז עס נישט אזוי צו די זאך. עס איז אויך דא אנגעצויגענערע טעג ווי אן ערב יום טוב און ברוך ה' אז מיר זענען אלעמאל דא פאר דעם.

אז כ'בין זיך מתבונן זעה איך איין אז די כוחות אנצוגיין מיט די אונטערנעמונג נעם איך ארויס פון די גליונות וואס כ'ליין. זיי זענען מלא וגדוש מיט חיזוק און רייך מיט שיינע געדאנקען אז עס באצויבערט מיר יעדע וואך פון פריש, אז עס געט מיר כח צו קענען אנגיין מיט מיינע אונטערנעמונג.

אין דעם הינזיכט בין איך נישט קיין בן יחיד. נאך אידן וואס זענען צוגעבינדן צו דער גליון זענען מעיד אז זיי האבן די זעלבע הרגשה כלפי דעם גליון און אויך זיי נעמען ארויס פון איר גרויסע און שטארקע כוחות פון דער גליון.

די אידן דערציילן אז דער גליון איז געווארן א טייל פון זייער שבת טיש, אז זיי לערנען עס און דערקוויקן זיך מיט זיי יעדע וואך.

•

**לאמיר זיך צוריקקערן צו די אויפגאבע וואס איר האט גענומען אויף זיך, נאכצוזאגן אמן נאך די ברכת השחר פון די מתפללים ביים קבר רחל. דאס איז אן עבודת הק' פון טאג נאך טאג, טיילט אונז מיט וואס געט אייך דער שטופ אנצוגיין מיט איר אין די אונטערנעמונג?**

איך קען נישט אנווייזן אויף איין ספעציפישער זאך וואס געט מיר די כח, אבער עס איז דא איין זאך וואס טוט מיר זייער אינספערירן יעדן טאג פון פריש. אין די מנין וואו איך דאווען ביים קבר רחל איז דא אן אכציג יעריגער איד וואס קומט אהין יעדן טאג און האלט מיט דער מנין.


הרב ר' משה כדורי ביי זיין עבודת הק' אין די שול ביי קבר רחל

פאר א איד אין די עלטער איז נישט אזוי גרינג צוקומען יעדן טאג פון קבר רחל אבער אויסערדעם וועט ער יעדן טאג אויסהערן די אמנ'ס פון ברכת השחר און מקפיד זיין צו ענטפערן נאך זיי אמן.

ווען איך זעה א איד אין די עלטער פירט זיך אזוי געט עס מיר כח און מוט אנצוגיין מיט דעם ווייטער און ווייטער.

•

**אסאך אידן פרעגן ווי אזוי קענען זיי אריינברענגען די גוטע מנהג פון זאגן אמן ביי זיי אין שטוב - וואספארא עצה האט איר פאר די אידן?**

עס איז דא אסאך גוטע וועגן אבער אין מיינע אויגן איז די 'גליונות' די בעסטע עצה. עס איז איראניש אבער אסאך מאל זוכט מען אויסערליכע עצה'ס, מען פארגעסט אז די בעסטע עצה ליגט אונטער דיינע הענט.

די גליון קומט טאקע אונטער די הענט אבער עס איז א גוטע כלי. איך וועל זיך אויך נוצן מיט אנדערע מיטלען ווי געבן זיסווארג פאר די קינדער אבער די עיקר דגוש לייגט מען אויף דער גליון.

מען געט עס זיי צו ליינען און דאס ברענגט אריין אין זיי די ווארעמקייט פאר די נושא.

•

**לסיום, די וועלט זאגט א מליצה "לא המדרש עיקר אלא המעשה" אז דער ציבור גלייכט צו הערן מעשה'ס - צי קענט איר אונז מיטטיילן מיט א שיינע מעשה וואס איר האט מיטגעלעבט במשך די יארן און קען שטארקן דעם ציבור אין די נושא?**

יא, די מעשה האט פאסירט עטליכע יאר צוריק. איך בין געווען ביים כותל המערבי און איך האב זיך אומגעקערט אהיים. אנקומענדיג אין שטוב האב איך באמערקט אז איך האב נישט מיין טאשקע. אין די טאש איז געלעגן אסאך ווערדפולע חפצים, צווישן זיי א געפאקטער דיסק מיט אסאך קריטישע אינפארמאציע. איך בין געווען זייער פארלוירן. אין די ערשטע רגע האב איך געטראכט אז ווארשיינליך איז עס איבערגעבליבן אין די קאר וואס האט מיר גענומען פון ירושלים קיין בית שמש. איך האב זיך פארבינדן מיט'ן דרייווער, ער האט איבערגעקוקט זיין קאר, אבער עס איז נישט געווען דארט.

נישט וויסנדיג וואס צו טון האב איך זיך פארבינדן מיט די פאליציי, איך האב זיי געפרעגט צי זיי ווייסן וואו דאס איז, אבער זיי האבן נישט קיין אנונג פון וואס כ'רעד.

עס איז א וויכטיגע טאשקע און נישט זעענדיג קיין אנדערע אויסוועג האב איך זיך אויסגעדרייט און צוריקגעפארן קיין ירושלים עיה"ק צום כותל המערבי. אנקומענדיג אהין האב איך מתפלל געווען מעומקא דלבא אז הקב"ה זאל מיר צוריקגעבן די טאשקע. נאכ'ן מתפלל זיין האב זיך פארגענומען אז איך גיי זיך מער מחזק זיין מיט די אמנ'ס. אויפ'ן ארט האב איך זיך דערנענטערט צו א איד וואס איז געשטאנען דארט און געבעטן פון אים צי ער קען ענטפערן אמן נאך מיינע ברכות ביים דאווענען.

דער איד האט מסכים געווען און אויף א וואונדערליכער וועג האט דער איד מיר געהאלפן טרעפן מיין טאשקע. ער האט מיר מעורר געווען אז אפשר האב איך גאר פארלוירן די טאש אויפ'ן וועג אהער קיין ירושלים. ער האט אויך געגעבן א נומער וואו איך קען קלינגען מברר צו זיין אויב זיי האבן מעגליך געטראפן די טאש.

זיינע עצות האבן געהאלפן און איך האב אדאנק דעם געטראפן דעם טאש.

# דער הייליגער חוזה פון לובלין

## תשעה באב תקע"ה



דער אוהל אויפ'ן ציון הק' פון דער הייליגער חוזה פון לובלין

דער צדיק רבי יעקב יצחק הלוי הורוויץ, מער באקאנט אין די אידישע וועלט אלץ דער "חוזה פון לובלין" איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי אברהם אליעזר דער רב פון די שטאט יעזפאוו.

שוין אין זיינע יונגע יארן האט מען דערקענט אויף אים אז ער וואקסט א קדוש וטהור, אלץ קינד האט ער אסאך קונה געווען פון זיין גרויסן זיידן רבי יעקב קאפיל מליקווא.

אין די בחורישע יארן איז ער געפארן קיין שינאווא. דארט האט ער געלערנט אין די ישיבה פון הרה"ק רבי שמעלקא ניקלשבורגער זי"ע. לערנענדיג ביי אים איז ער אויך נתקרב געווארן צו די דרך החסידות. פון דארט איז ער געפארן קיין מעזריטש און געלערנט תורה ביים הייליגער מגיד פון מעזריטש.

דער הייליגער חוזה האט זיך געציילט פון די גרויסע תלמידים פון דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע און אנגעהויבן פירן אן עדה קדושה בחיים חיותו.

ווען דער חוזה האט זיך באזעצט אין די שטאט לובלין איז זיין חצר געווארן א צענטראלע היים פון חסידים. עס האט זיך אנגעהויבן א ריזיגער געפארעכטס אהין.

אלע ערליי אידן זענען געפארן צום חוזה פון פשוטי עם צו די גרעסטע צדיקים פון דעם דור. רוב רובו פון רבי'ס אין דעם קומענדיגן דור זענען געווען זיינע תלמידים.

אין דעם גרויסן טאג שמחת תורה אין יאר תקע"ה איז דער חוזה אראפגעפאלן אויף א וואונדערליכער וועג. פון דאן איז ער נישט ארויס פון בעט ביז צו זיין הסתלקות אין תשעה באב יענער יאר.

מען האט אים געלייגט אויפ'ן בית החיים אין די שטאט לובלין נעבן דער גאון רבי שכנא פון לובלין. דער הייליגער חוזה האט נישט געשריבן קיין ספרים אבער זיינע תורה'ס זענען געדרוקט אין די ספרים: 'זאת זכרון', 'זכרון זאת' ו'דברי אמת'.

## ברכות השחר מיט אנדערע

עטליכע עדות'ער איז דא איבער ווי שטארק דער הייליגער חוזה האט מקפיד געווען צו זאגן ברכת השחר מיט אנדערע אידן און אז די מנהג וועלכע האט אנגעהאלטן אלע יארן האט זיך אנגעהויבן ביי אים אין די יארן ווען ער האט נאך געלערנט אין די ישיבה פון זיין רבי'ן ר' שמעלקא מניקלשבורג.

### מיר ציטירן דא די עדות'ער:

## די גאנצע פמליא של מעלה ענטפערט אמן

אין די יארן וואס דער הייליגער חוזה האט געלערנט ביים הייליגן צדיק אין ניקלשבורג האט ער זוכה געווען אז יעדן טאג פלעגט ער פארזאגן די ברכות פאר זיין רבי'ן און דער צדיק רבי שמעלקא האט נאך געענטפערט אמן אויף די ברכה. ווען מען האט געפרעגט פאר'ן צדיק רבי שמעלקא פארוואס נאר ער איז זוכה צו זיין דער וואס ענטפערט די ברכה? האט דער חוזה געענטפערט אז אויף זיינע ברכות ענטפערט די גאנצע פמליא של מעלה.

('שמן הטוב' [פיוטרקוב תרס"ה] ח"ב אות כה).

## גענטפערט 'אמן' נאך די ברכות פון די קינדער

דער צדיק רבי חנוך העניך פון אלעסק האט דערציילט אז אלץ קינד איז ער געפארן קיין לובלין. דארט איז געווען דער מנהג אז יעדן טאג פלעגן אלע קינדער זיך שטעלן אין די רייע און גענטפערט אמן נאך די ברכה און נאך די ברכה האט דער חוזה געגעבן פאר יעדן איינעם דריי מטבעות פון א האלבע ריי'ניש. זעענדיג דאס האב איך זיך אויך אריינגעשטעלט אין די רייע און איך האב אויך באקומען דריי האלבע ריי'ניש.

('לב שמח החדש' אור חדש פ"א אות ז).

## א ברכה אן קיין אמן – איז ווי א פלג גופא

דער הייליגער 'עטרת צבי' פון זידיטשוב שרייבט אז ער האט געהערט פון דער הייליגער חוזה אז די ברכת השחר זאל מען אין שול, ווייל אנדערע אידן זאלן קענען נאכזאגן נאך איר אמן, ווייל א ברכה אן קיין אמן איז א פלג גופא.

('פרי קודש הילולים' שער הברכות פ"ד; 'שומר אמונים' מאמר 'פתחו שערים' פרק יט).

## "זָכְרָה זְמַן אֲשֶׁר נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע הֵשִׁיבוּ, וְעַתָּה עֲנוֹת אָמֵן לֹא אָבוּ..."

(מתוך קינות לת"ב, קינת "איכה ישבה").

די בחינה איז אויך מרומז אין פרשת האזינו (דברים לב יט-כ): "וַיֹּאמֶר אַסְתִּירָה פָנַי מֵהֶם אֶרְאֶה מָה אַחֲרִיתָם כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם". אויף די פסוק דרשנ'ען חז"ל (ספרי האזינו פסקא שכ) אז צוליב די זינד פון נישט ענטפערן אמן איז חרוב געווארן דאס לאנד און כלל ישראל איז פארשיקט געווארן אין גלות אריין.

דער בעל 'שבט מוסר' לייגט צו אז ווייל די זינד פון וויי'ניג אמן האט גורם געווען די חורבן דארפן די וואס ווילן עס בויען מקפיד זיין אויף עניית אמן כהלכה. ('מנחת אליהו' דרוש לב).

## טייערער איד!

יעצט איז די צייט צו טון וועגן דעם! נעם זיך אונטער און זיי פון די מזכי הרבים. קום פרי אין שול אריין און הער אויס ברכות השחר פון די מתפללים.מיט דעם וועסטו מקרב זיין די גאולה השלימה!

זיך אנצושליסן פול אויס אן אפעליקאציע אין די 'נדרים פלוס' מאשינען און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

צווישן די וואס פולן אויס אן אפעליקאציע וועט פארקומען א גורל אויף א רייזע צו מקומות הקדושים מיט די הערליכע מיניוען פון בני אמונים.

